בפועל אז ע"י המס"נ שלה האט דער אלטער רבי געקענט אנגיין מיט מפיץ זיין די מעינות חוצה וכו׳,

פון יעדער סיפור בתורה דארף מען אפלערנען א הוראה, ועאכו"כ אז דער סיפור האט דערציילט א נשיא בישראל, און ער האט דאס דערציילט אלס מנהיג ישראל, ועאכו"כ אז ער האט דאס דערנאך געהייסן אפדרוקן - דארף מען דערפון אפלערנען הוראות וכו׳ אזוי מ׳דארף זיך פירן בימינו זה, כהנה וכהנה מער ווי מ׳דארף אפלערנען פון יעדער ענין - כתורת הבעש"ט אז יעדער זאך וואס א איד זעט אדער הערט איז דאס א הוראה אין עבודת השם ווי אזוי עס דארף זיין די הנהגה אין אט דער תקופה - במילא איז דער סיפור א הוראה לכל אשה ובת בישראל, וכפי שיתבאר לקמן איינע פון די הוראות וואס מ׳קען פון דעם אפלערנען.

מ׳מיינט אבער ניט אז מ׳זאל בלויז אפלערנען, נאר דאס דארף פועל זיין אין אלע ענינים, ניט נאר אין מחשבה, ניט נאר אין דבור, נאר אויך אין מעשה, ווי עס שטייט אין משנה (ראה אבות א, יז) "המעשה הוא העיקר", און ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין אגה"ק (סי׳ ט) אז אזוי ווי בזמן הזה איז סוכת דוד הנופלת עד בחי׳ עקי׳ ממש, דארף זיין דער עיקר עבודה במעשה, וואס דאס איז דער ענין פון "מטי רגלין ברגלין",

און דוקא דורך דער עבודה פון מעשה, איז מען פורץ אלע מדידות והגבלות, און מ׳נעמט אראפ אלע העלמות והסתרים, און מ׳מאכט די גאנצע וועלט פאר א דירה לו ית׳, בביאת מלכא משיחא.

ב. עס שטייט אין שו"ע (סי׳ א סעי׳ ה׳, ובט"ז שם) און דער אלטער רבי ברענגט דאס אראפ בשו"ע שלו (שם מהדו"ק סעי׳ י׳), אז קודם התפלה זאל מען זאגן פרשת העקידה, ווייל דורך דעם וואס ער וועט זיך דערמאנען אויף די מס"נ של האבות, וועט ער מעורר זיין ביי זיך דעם ענין המס"נ,

וואס דאס איז נוסף לזה וואס בפשטות איז דער טעם (שו"ע אדה"ז שם) כדי צו דערמאנען זכות אבות, דלכאורה וואלט מען דאס געקענט אזוי מסביר זיין: וויבאלד "תפלות כנגד תמידין תקנום" (ברכות כו, ב), און ביי דעם קרבן תמיד פלעגט מען זאגן "האיר פני כל המזרח עד שהואבחברון" ווי די משנה זאגט אין תמיד (ל,א), וואס דאס איז געווען "להזכיר זכות אבות" (ירושלמי יומא פ"ג ה"א - הובא ברש"י (ד"ה ואב"א - יומא כח, ב. וד"ה מהתיא מנחות ק, א)),איז עד"ז דארף מען לפני התפלה, זאגן פ׳ העקידה כדי "להזכיר זכות אבות".

מ׳קען אבער ניט לערנען אז עס איז נאר צוליב דעם, וואדוס דאס וואס מ׳פלעגט זאגן ביי דעם קרבן התמיד "עד שהוא בחברון" כדי "להזכיר זכות אבות",האט דערמאנט דעם זכות פון אלע שלשה אבות, משא"כ פ׳ העקידה איז בעיקר דער זכות פון אברהם אבינו, ווי עס שטייט (וירא כב, א) "והאלקים נסה את אברהם", און אויך זכותו של יצחק, אבער ניט פון יעקב; קען מען דאך ניט זאגן אז דאס וואס מ׳דארף זאגן פ׳ העקידה לפני התפלה איז דאס להזכיר זכות אבות, און אויך צוליב נאך טעמים קען מען אזוי ניט לערנען.

- איז מען -

הנחת הת׳ בלתי מוגה



Printed from Otzar HaChochma 

איז מען. דאס מסביר מיט אן אנדער הסברה: אז דאס איז כדי זיך צו דערמאנען אויף די מס"נ של האבות, ועי"ז וועט מען מעורר זיין ביי זיך אליין דעם ענין המס"נ; ווארום תפלה איז דאך בקשה צרכיו, און לפני זה דארף זיין סידור שבחו של מקום (ע"ז ז, ב), דארף ער זיך צו דעם צוגרייטן; און אויך איז כללות ענין התפלה - "אליך ה' נפשי אשא" (תהלים כה, א), וואס דאס איז דער ענין המס"נ, דעריבער דארף מען זאגן פ' העקידה לפני התפלה אויף מעורר זיין ביי זיך דעם ענין המס"נ.

דאס מיינט ניט אז מ'דארף אנקומען צו דעם ענין בפועל, מ'דארף מאריך ימים ושנים זיין נשמה בגוף; און ס'מיינט אפילו ניט אז מ'דארף האבן די יסורים וואס זיינען געווען בשעת העקידה, [אע"פ אז ביי אברהם'ן זיינען דאס ניט געווען קיין יסורים, אדרבא, ער האט דאס גאר געטאן בשמחה ובזריזות נפלאה ווי דער אלטער רבי זאגט אין אגה"ק (סי' כא), אט די מעלה איז אבער פאראן נאר ביי אברהם'ן וואס מצד עבודהו האט ער דערגרייכט צו אט דער דרגא, משא"כ ביי א צווייטן איז דאס יע יסורים - דארף מען דאס ניט האבן] נאר ע"ד ווי ס'שטייט (קידושין מט, ב) אז אויב "הרהר תשובה בדעתו" ווערט ער א צדיק גמור, אזוי אויך אין דעם ענין, אז אויב נאר הרהר אויף דעם ענין פון מס"נ, רעכנט זיך דאס כאילו ווי עס וואלט ביי עם געווען דער ענין פון מס"נ בפועל.

לפי"ז ווערט דאך אבער ניט פארשטאנדיק: ביי אברהם אבינו האט אויך געקענט זיין אזוי - פארוואס האט מען געדארפט האבן די עקידה בפועל, ביז אז עס האט געדארפט קומען דער מלאך און באווארענען אז אברהם זאל אפילו ניט פוגם זיין אין יצחק'ן כמבואר במדרשים (ראה ב"ר פנ"ו, ז), עס וואלט לכאורה געווען גענוג אז במהשבתו של אברהם זאל זיין א הרהור אויף דער עקידה, און דאס זאל זיך רעכענען פונקט ווי עס וואלט געווען די עקידה בפועל, און כעך זאל ניט דארפן אנקומען צו דער עקידה בפועל?

איז דער ביאור אין דעם: דאס גופא וואס ביי אונז - איז דאס וואס ער טראכט אז ער איז זיך מוסר נפש, איז דאס כאילו ווי ער וואלט זיך מוסר נפש געווען בפועל, איז דאס דורך דעם וואס ביי אברהם אבינו איז געווען דער ענין פון מס"נ אין א פועל בשעת העקידה; ד.ה. אז דורך דעם מס"נ פון אברהם'ן בשעת העקידה, איז געווען דער פתיחת הצנור, און דאס איז געווען א פתח, אז דערנאך ביי אלע אידן במשך כל הדורות, זאל בלויז א מחשבה, דאס וואס ער טראכט אז ער איז זיך מוסר נפש, פארעכנט ווערן כאילו ווי ער וואלט זיך מוסר נפש געווען בפועל.

ווי ס'שטייט (ראה רמב"ן בראשית יב, ו. וראה שם יב, י. ראה אוה"ת ר"פ לך. וראה ב"ר פ"ם, ו) "מעשה אבות סימן לבנים", אז דאס וואס איז געווען ביי די אבות, איז דאס א סימן און א <u>נתינת כח</u> לבנים, אויף צו מאכן גרינגער זייער עבודה; וכמדובר כמה פעמים די ראי' אויף דעם פון דעם וואס דער אויבערשטער האט געזאגט אברהם'ן (לך יג, יז) "קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה", דאס האט געמאכט גרינגער אז אידן זאלן קענען איינעמען א"י, ביז אז אפילו "ודור <u>רביעי</u> ישובו הנה" (שם טו, טז).

אזוי איז דאס אויך אין דעם ענין: אברהם אבינו בעבודתו

- אין -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



Printed from Otzar HaChochma שיחות קודש - תשל"א א / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (page 336) 116115

אין דעם ענין פון מס"נ האט געעפנט א פתח און געמאכט גרינגער די עבודה פון אידן, אז אויב נאר הרהר אויף דעם ענין פון מס"נ, איז דאס כאילו ווי ער וואלט זיך מוסר נפש געווען; בדוגמא ווי עס שטייט אין תניא (פט"ו פי"ח) בנוגע דער אהבה מסותרת שבכל אחד ואחד מישראל אז דאס איז א "ירושה לנו מאבותינו", וואס ירושה איז ווי דער אלטער רבי זאגט ווייטער אין תניא (פל"ג) א "הון עתק שלא עמל בו", ער דארף גארניט הארוען אויף דעם, אע"פ אז דער אב האט דאס באקומען דורך ריבוי עבודה, אבער דער יורש באקומט עס אן יגיעה - וואס יעדער איד איז דאך א יורש, און ס'איז קיין חילוק ניט אין וואס פאר א מעמד ומצב ער שטייט, אויב נאר ער איז געבארן געווארן א.בן אברהם יצחק ויעקב איז דאס פארפאלן און ער איז א יורש פון די אבות, און ער באקומט. דאס אן קיין שום יגיעה.

אזוי איז דאס אויך אין עבודה, כללות עבודת השם, אז אע"פ דאס איז שייך צו יעדן איינעם - אבער ביי א"א איז עס יע געווען אן עבודה גדולה, ביז מען איז ניט געווען זיכער אז אברהם אבינו וועט קענען ביישטיין דעם נסיון העקידה, און ווי עס שטייט (וירא כב, יב) "עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה", אז ערשט איצטער ווייס מען אז ער איז א ירא אלקים,

אע"פ אז אברהם אבינו איז שוין דעמאלט דורכגעגאנגען ניין נסיונות, אנהויבנדיק פון דעם ערשטן נסיון אין אור כשדים ווען מ'האט אים אריינגעווארפן אין כבשן האש, און נאך אכט נסיונות לאח"ז, אעפ"כ בשעת ס'איז געקומען צו דעם נסיון העשירי, דער נסיון העקידה, איז מען נאך אלץ ניט געווען זיכער צו ער וועט ביישטיין דעם נסיון.

נאך מער: בפשטות איז יצחק דעמאלט אלט געווען זיבן און דרייסיק יאר, קומט דאך אויס אז אברהם אבינו איז דעמאלט געווען אלט קל"ז שנה, און עס שטייט דאך אין גמרא (נדרים לב, סע"א) אז "בן שלש הכיר אברהם את בוראו", אז שוין פון דריי יאר אלט איז געווען ביי אברהם'ן אן עבודה לבוראו, און עס איז א פשיטא אז ער איז ניט געשטאנען אויף אן ארט, נאר יעדער טאג איז ער געגאנגען העכער אין עבודת השם (ראה סוף ברכות), איז אעפ"כ לאחרי אן עבודה פון הונדערט און פיר און דרייסיק יאר אין וועלכן בכל יום איז ער געוואדן העכער אין עבודת השם, איז מען נאך אלץ ניט געווען זיכער אז ער וועט ביישטיין דעם נסיון העקידה,

און אעפ"כ, זאגט דער אלטער רבי אין תניא (פי"ח. פכ"ה) אז דאס איז א זיכערע זאך אז יעדער איד, אפילו א קל שבקלים, וועט זיך מוסר נפש זיין על קידוש השם, אויב נאר מ'וועט אים ניט מטעה זיין אז עודנו ביהדותו.

נאר דאס איז ווי גערעדט פריער, אז דאס וואס ביי אברהם אבינו האט דאס געדארפט זיין ע"י ריבוי עבודה, דאס אליין האט געעפנט א פתח פאר אלע אידן במשך כל הדורות אז ביי זיי זאל דאס זיין אן עבודה.

אזוי איז דאס אויך בנוגע דעם סיפור וואס מ'האט פריער גערעדט וועגן דעם אלטן רבי'נס טאכטער, הרבנית מרת דבורה לאה:

- בשעת -

הנחת הת' בלתי מוגה



Printed from Otzar HaChochma 

בשעת מ׳קומט צו אן אשה ובת ב׳ישראל, און מ׳דערציילט איר אז עס איז דא א מעשה מיט דעם אלטן רבי׳נס א טאכטער וואס זי האט זיך מוסר נפש געווען אויף הפצת היהדות, און כ׳מאכט די אלע זאך אויך אויף פירן – פרעגט מען גלייך די שאלה: וואס איז דא דער פארגלייך? דאס רעדט זיך דאך וועגן דעם אלטן רבי׳נס א טאכטער, וואס דער אלטער רבי איז געווען א נשמה חדשה און א נשמה דאצילות, און דאס איז זיין טאכטער – און בנוגע קינדער שטייט דאך (ראה תו"א צב, סע"ד) אז די מעשה הביאה אליין איז א מעשה קדוש, ועאכו"כ אז עס איז דא די הכנה לפני זה פון יקדש עצמו וכו׳, ווי דער אלטער רבי ברענגט אין אנהויב ספר התניא (ספ"ב), און ס׳איז אויך פאראן די הנהגה לאחרי זה,

דערנאך איז דאך דער חינוך פון די קינדער תלוי אין דעם אב, סיי לאחרי שש שנים, און אפילו פאר שש שנים איז דער עיקר חינוך תלוי בהאב אע"פ אז דער קינד איז נאך דעמאלט צריך לאמו – האט די דאך געהאט דעם חינוך פונעם אלטן רבי׳ן, און דערנאך איז געווען דער "את בתי נתתי וגו׳", דער אלטער רבי האט איר חתונה געמאכט, און דעמאלט האט דער אלטער רבי איר איבערגעגעבן אלע ענינים ווי אזוי עס דארף זיין די הנהגה,

איז וויבאלד דאס רעדט זיך וועגן דעם אלטן רבי׳ן, וכידוע די שיחה אז דער אלטער רבי איז געווען דא למטה אזוי ווי אין עולם האצילות, .וואס דערפאר בשעת עס איז געקומען פרייטאג פארנאכט איז ער אנשלאפן געווארן – ניט ווי ר׳ הלל פאריטשער וואס האט זיך געדארפט משתדל זיין אנשלאפן ווערן – וויבאלד אז למעלה איז דאס א זמן פון דורמיטא דז"א, איז בדרך ממילא דער אלטער רבי אנשלאפן געווארן, און כנ"ל זיינען דאך אלע ענינים בא איר געווען פון אלטן רבי׳ן אליין; איז וואס איז דא דער פארגלייך? עס איז קיין פלא ניט פארוואס ביי דעם אלטן רבי׳נס א טאכטער קען זיין אזא ענין, אבער ווי מאנט מען דאס פון אלעמען?!

זאגט מען אויף דעם אז זי און אלע נשים צדקניות שבכל דור ודור, האבן געעפנט א וועג לכל נשי ובנות ישראל אז זיי קענען זיך מוסר נפש זיין פאר הפצת המעינות, און דורך זייערע פעולות קען ארויסקומען א תועלת אין הפצת המעינות חוצה, ביז אז דאס גיט א כח צו דעם נשיא הדור אז ער זאל קענען דורכפירן זיינע ענינים פון הפצת המעינות חוצה.

ווערט דאך די קשיא: ווי קען מען דאס מסביר זיין אין שכל? זאגט מען אויף דעם אז מ׳דארף גאר ניט האבן קיין הסברה בשכל, ס׳איז דאך א מעשה רב, און וויבאלד מ׳זעט אז עס איז געווען אזא מעשה בפועל, איז ניט נוגע די הסברה בשכל, און ווי דער רמב"ם זאגט אז "הדעות הולכות אחרי המציאות ולא המציאות אחרי הדעות", במילא, וויבאלד ס׳איז דא אזא מציאות, איז "הדעות הולכות אחרי המציאות".

אלע מאל זיינען אבער פאראן די וואס פרעגן וואו איז דער מקור אויף דעם אין נגלה און אין א פסק דין, איז דא אויף דעם א בפירוש׳ע גמרא (קידושין מ, ב) און א רמב"ם (הל׳ תשובה פ"ג ה"ד), אז "לעולם יראה אדם עצמו כאלו חציו חייב וחציו זכאי (וכל העולם כולו שקול) עשה מצוה אחת כו׳ הכריע את עצמו ואת

- כל -

הנחת הת׳ בלתי מוגה



Printed from Otzar HaChochma                שיחות קודש - תשל"א א / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (page 338) 116115

כל העולם כולו לכף זכות", ד.ה. אז דורך דעם וואס ער טוט איין ענין, וואס דא מיינט מען ניט בלויז אן ענין פון מעשה (און ניט מחשבה ודבור), נאר דאס מיינט יעדער ענין אין תורה וועלכער דארף אפגעטאן ווערן, צי במחשבה, צי בדבור צי במעשה, און מ'זאגט אז מיט איין-און-איינציקע מחשבה אדער מיט אן איין-און-איינציקן דבור, אדער מיט אן איין-און-איינציקע מעשה, איז ער מכריע און פועל'ט אין דער גאנצער וועלט אז דאס זאל זיין לכף זכות.

וואס דאס איז פאר די וואס דארפן דאס האבן דוקא אין א סגנון פון א פסק דין; אבער די וואס דארפן ניט אנקומען צו דעם און עס איז גענוג פאר זיי א מעשה בפועל, איז פאראן אויף דעם די מעשה בפועל, כנ"ל.

דאס איז די הוראה לדורות, אז א פעולה פון א בת בישראל, בשעת זי פירט זיך אויף ווי דער אויבערשטער וויל, ניט נאר אין א הנהגה וואס געפעלט איר, און ניט נאר בשעת זי געפינט זיך בחדרי חדרים מיט א פארשלאסענע טיר, נאר בשעת זי גייט ארויס אין וועלט, און דארט גייט זי בצניעות וכו' ווי בנות ישראל דארפן גיין, איז דאס נוגע ביז צו כל העולם כולו.

טענה'ט זי אז די וועלט פירט זיך ניט אזוי און היינט איז אנדערש; איז דער תירוץ אויף דעם, אז מ'דארף ניט קוקן ווי די וועלט פירט זיך, און עס דארף זיין "שלא להתבייש מפני וכו' המלעיגים" (שו"ע אדה"ז רס"א), ווי עס ליגט אויך אין דעם וואס יעדער אידישע פרוי ווערט אנגערופן ניט נאר א בת ישראל כשרה, (וואס אין כשרות קען מען זיך ריינגען, ווארום עס איז דא כשרות ווי עס איז געווען אין מדבר, ס'איז דא כשרות ע"י הדחק, און ס'איז דא כשרות בהפסד מרובה, און דאס אלץ זיינען דינים אין תורה), נאר זי ווערט אנגערופן א "בת שרה רבקה רחל ולאה", און וויבאלד אז זי איז א בת פון אמהות, איז "כאמה בתה" כלשון הכתוב (יחזקאל טז, מד), דארף זי איצטער זיך פירן פונקט אזוי ווי שרה האט זיך געפירט, ווי רבקה האט זיך געפירט, ווי רחל האט זיך געפירט און ווי לאה האט זיך געפירט.

אע"פ אז די וועלט פירט זיך פארט ניט אזוי, איז דאס בכדי די זאל איבערמאכן די גאנצע וועלט; טענה'ט זי אבער אז ס'איז פארט ניט שיין זיין אנדערש פון אלעמען, "כחתן בין אבלים" (לשון שבת קיד, א) - וואס זיי אליין זיינען מורה אז דאס איז אן ענין פון "חתן" און זייער הנהגה איז אן ענין פון "אבלים", אבער אעפ"כ פרעגט זי די שאלה אז בשעת מ'געפינט זיך בין האבלים איז ניט שיין ארומגיין ווי א חתן; איז דער ענטפער אויף דעם: ערשטנס, דארף זי דארט ניט גיין! און דערנאך: בר"א בשעת זיי בלייבן אבלים, משא"כ דא, דורך דעם וואס זי וועט ארומגיין ווי א חתן, מאכט זי איבער די גאנצע וועלט, [ובלשון הנ"ל - מאכט זי פון אלעמען חתנים].

עס קען זיך טאקע אויפשטעלן א אידישע מיידל און זאגן ניט אזוי, ווי מ'האט גערעדט ביי"ט כסלו - איז זי ניט שולדיק אין דעם, מ'האט איר ניט דערציילט אז ס'איז געווען א פרוי וואס האט געהייסן דבורה לאה, און זי האט זיך מוסר נפש געווען אויף הפצת המעינות, און ע"י"ז האט זיך געעפנט די וועג פאר אלע נשי ובנות

- ישראל -



Printed from Otzar HaChochma 116115 (page 339) שיחות קודש - תשל"א א / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק

ישראל אז ביי זיי קען אויך זיין אזא הנהגה; און אויב מ'וואלט איר דערציילט, וואלט זי ניט נאר אזוי ניט געזאגט, נאר עס וואלט ביי איר געווען "בת קמה באמה [און אויב זי האט חתונה געהאט] כלה בחמותה" (מיכה ז, ו), ביז אין אן אופן אז זיי וואלטן זיך געמעגט שעמען לגבי איר הנהגה טובה.

דאס איז די הוראה פאר אלע נשי ובנות ישראל פון אט דעם סיפור, ובפרט אז די שיחה האט כ"ק מו"ח אדמו"ר ארויסגעגעבן אין אידיש, וואס ווי ער אליין האט געזאגט בפירוש, אז דאס וואס ער גיט ארויס מאמרים און שיחות אין אידיש, איז דאס בכדי אז אויך נשים זאלן דאס קענען פארשטיין, איז די הוראה דערפון, אז אין דער וועג דארפן זיך פירן כל אשה ובת בישראל, און יעדער איינע האט בכח אז עס זאל זיין אזא הנהגה בפועל, ועי"ז וועלן זיי קענען זאגן ראו גידולים שגידלנו, אז זיי וועלן אויפשטעלן די צבאות ה' וואס וועלן בקרוב ממש ארויס גיין פון גלות בביאת משיח צדקנו.

דאס איז אויך די הוראה צו אלע וועלכע האבן צו טאן מיטן חינוך פון בנות ישראל, אז מ'דארף זיי מסביר זיין ווי זייער יעדער פעולה איז נוגע ביותר, און מ'זאל אויפטאן פריער ביי "עניי עירך" (ב"מ עא, א), יעדערער אין זיין ארט וואו ער געפינט זיך, ביז מ'זאל דאס פועל'ן אין דער גאנצער וועלט, ווארום "כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי נברא העולם" (סנהדרין לז, א), וואס כפשוטו מיינט דאס די גאנצע וועלט.

ביז מ'טוט אויף אז אויך גוים זאלן שטיין אין א ביטול פאר אידן, ווי מ'האט גערעדט פריער (בי"ט כסלו) בנוגע סיום מס' ע"ז, אז שבור מלכא האט געהאלטן פאר א כבוד דאס וואס ער קען משמש זיין א אידן מר יהודא'ן, ביז אז עס איז געווען ביי עס א כבוד דאס וואס ער קען משמש זיין דעם עבד פון א אידן, דעם צווייטן - באטי בר טובי.

ולכאורה איז דאס ניט פארשטאנדיק: וויבאלד אז "מר לא קים לי בגוי'", ובפרט לויטן איכא דאמרי אז "אידכר מה דעבדת באודתא", איז פארוואס האט שבור מלכא אליין משמש געווען באטי בר טובי'ן? נאר וויבאלד ער איז געווען אן עבד פון א איד, [אע"פ אז ביי עס איז געווען בלויז וואס "לא שקיל גיטא דחירותא" (תוס' שם ד"ה אידכר), האט ער געהאט ווייניקער שייכות צו א אידן (איננו ברור) - אעפ"כ, וויבאלד ער איז פארט געווען דער עבד פון א איד], שעצט זיך שבור מלכא, א מלך ביי גוים, אז פאר עס איז א כבוד משמש זיין דעם עבד פון א איד, וואס דערפאר האט ער עס ניט געגעבן דעם אתרוג ער זאל זיך אליין אפשניידן א שטיקל און עסן, און ער האט עס אפילו ניט געזאגט אז ער זאל אפשניידן און ער וועט אים דערלאנגען, נאר ער האט אליין אפגעשניטן דעם שטיקל אתרוג, און דאס אליין דערלאנגט באטי בר טובי'ן, ווייל פאר עס איז דאס געווען א כבוד ער זאל זיך מטריח זיין משמש זיין אפילו דעם עבד פון א איד.

(חסר קצת) אזוי איז דאס אויך אין דעם ענין פון הפצת המעינות חוצה, וואס ווי דער אלטער רבי האט געזאגט איז חסידות שייכות לכל אחד ואחד מישראל, דער חילוק איז בלויז אז איינער

- איז -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



Printed from Otzar HaChochma שיחות קודש - תשל"א א / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (page 340) 116115

איז זוכה, כאפט ער זיך אן אין דער קלאמקע פריער, און א צווייטער כאפט זיך אן אין דער קלאמקע שפעטער, אבער דאס איז שייכות לכל אחד ואחת מישראל - דארף מען מפיץ זיין די מעינות ביז אין חוצה, און טאן דאס כפי די הוראות וואס גילה דברו ע"י עבדיו הנביאים, ולאחרי זה ע"י נשיאי ישראל אמיתים, נשיאי חב"ד, און ס'איז ניטא וואס צו אפשטופן אז דאס קען זיין בגלגול זה או בגלגול אחר, ווארום דאס וואלט געווען א חשבון מיט הונדערטער יארן צוריק, משא"כ איצטער בשעת מ'האלט אין דער צייט פון עקבתא דמשיחא ממש, און מ'דארף בלויז אויספוצן די לעצטע קנעפלאך פון די מונדירן, און מ'האלט ביי פארברענען דעם חשך הגלות און די כותלי הגלות, איז ניטא וואס צו אפשטופן דאס אויף שפעטער.

און עי"ז וואס מ'וועט פארשפרייטן "תורה אור" און "נר מצוה" מיט דעם מאור שבתורה, תורת החסידות, און אין אן אופן פון "מוסיף והולך ואור" אזוי ווי עס איז בנוגע די נרות חנוכה, און טאן דאס מתוך שמחה וטוב לבב - וועט מען צוקומען צו "הנסים וכו' הפורקן וכו' הנפלאות וכו'", און ס'וועט זיין "מסרת וכו' ורבים ביד מעטים וכו' וזדים ביד עוסקי תורתך", (חסר קצת) ביז מ'וועט קומען אז "והיתה לה' המלוכה" (עובדי' כא) בביאת משיח צדקנו, וואס דעמאלט וועט זיין "מלאה הארץ דעה את הוי' כמים לים מכסים" (ישעי' יא, ט) בקרוב ממש.

(צוה לכמה מעסקני המוסדות "בית רבקה" לומר לחיים).

ג. מאמר כעין שיחה ד"ה אר"א כל העוסק בתורה לשמה כו'.

ד. מ'איז נהוג צו לערנען א פסוק חומש מיט רש"י - איז בנוגע צו היינטיקע סדרה איז דאס דער פסוק פון קאפיטל ל"ח פסוק ל'; וואס אין פסוק דערציילט ער אז נאך רעם וואס פרץ איז געבארן געווארן "ואחר יצא אחיו אשר על ידו השני ויקרא שמו זרח".

שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער "אשר על ידו השני" און באווארנט: "ארבע ידות כתובות כאן" אז דא שטייט פיר מאל "יד", פריער שטייט "ויהי בלדתה ויתן יד", דערנאך שטייט "ותקשר על ידו שני", און ווייטער שטייט "ויהי כמשיב ידו", און אויך אין דעם פסוק שטייט "אשר על ידו השני", איז דאך ניט מובן פארוואס דארף די תורה זאגן פיר מאל דעם ווארט "יד", עס האט געקענט שטיין איין מאל און מען וואלט אליין געוואוסט וואס עס מיינט, און ער וואלט ניט געדארפט נאך אמאל איבער'חזר'ן דעם ווארט "יד" (אויב נאר ער וואלט אביסל משנה געווען דעם סגנון)?

אויף דעם ענטפערט רש"י (גענומען פון ב"ר ווי די דרוקערס צייכענען אן): "כנגד ארבע חרמים שמעל עכן שיצא ממנו", אז וויבאלד עכן, וואס ער איז געווען אן אור-אייניקל פון זרח'ן, האט מועל געווען אין פיר חרמים, ווי ער דערציילט אין ספר יהושע (ז) אז ביי חרם יריחו האט מען געכאפט עכן'ן ווי ער האט מועל געווען אויך אין אנדערע חרמים, דערפאר שטייט ביי לידת זרח, (וואס ער איז געווען זיין עלטער זיידע), פיר מאל "יד", כנגד די ד' חרמים אין וועלכע עכן האט מועל געווען.

דערנאך זאגט רש"י א צווייטן פירוש: "וי"א כנגד ד' דברים

- שלקת -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



Printed from Otzar HaChochma
116115 (page 341) שיחות קודש - תשל"א א / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק